**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 06/20/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 300 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו מאכן וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן אפאָרדעבעל אריבער ניו יארק סטעיט

***באשטעטיגונג פון פינאנציעלע הילף אויטאריזירט לאקאלע רעגירונגען צו באקומען צוטריט צו די געלט מיטלען וואס פעהלן זיך אויס פאר פראיעקטן וועלכע רעדוצירן סכנות צו די פובליק געזונטהייט און פארבעסערן וואסער קוואליטעט***

***פינאנצירונג גיבט מעגליכקייט פאר קאמיוניטיס זיך צו קענען ערלויבן צו אינוועסטירן אין לעבנס-ראטעווענדע אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונגען און זיכער מאכן אז ניו יארקער האבן צוטריט צו ריינע, זיכערע וואסער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט (Environmental Facilities Corporation, EFC) באורד אָוו דירעקטארס האט באשטעטיגט איבער 300 מיליאן דאלאר אין פינאנציעלע הילף פאר וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראיעקטן אריבער ניו יארק סטעיט. די באורד'ס באשטעטיגונג אויטאריזירט צוטריט פון לאקאלע רעגירונגען צו ביליגע הלוואות און צו גרענטס וואס זענען אנאנסירט געווארן אין די פארגאנגענהייט צו קענען אנהויבן די ארבעט אויף וועזנטליכע וואסער און סוּער אינפראסטרוקטור פראיעקטן, אריינרעכענענדיג ריייניגונג פראצעדורן צו ארויסנעמען נייע סארטן פארפעסטיגנדע כעמיקאלן פון טרונקען וואסער.

"צוטריט צו ריינע, זיכערע וואסער איז קריטיש צו בויען לעבהאפטיגע און געזונטע קאמיוניטיס אריבער ניו יארק", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק סטעיט שטעלט צו גרויסארטיגע פינאנציעלע הילף צו זיכער מאכן אז אונזערע קאמיוניטיס קענען אינוועסטירן אין זייער וואסער אינפראסטרוקטור צו באשיצן אונזערע נאטורליכע קוועלער בשעת'ן רעדוצירן קאסטן און מאכן די פראיעקטן אפאָרדעבעל פאר יוטיליטי באניצער וואס פארלאזן זיך אויף זיי פאר זיכערע טרונקען וואסער."

די פינאנצירונג וואס איז היינט באשטעטיגט געווארן פאר 20 פראיעקטן רעכנט אריין באדייטנדע אינוועסטירונגען פון דעם פעדעראלן 'אומפארטייאיש אינפראסטרוקטור געזעץ' (Bipartisan Infrastructure Law, BIL), פון די סטעיט 'ריוואַלווינג' הלוואה קאסעס (State Revolving Fund, SRF) און פון די סטעיט'ס 'וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג' (Water Infrastructure Improvement, WIIA) גרענט פראגראם. מערקווירדיגערהייט, איז די סיטי אָוו איובורן אין קאַיוּגע קאונטי באשטעטיגט געווארן צו באקומען איבער 91 מיליאן דאלאר פון BIL און WIIA פאר קריטישע פארבעסערונגען ביי די שטאט'ס סוּער וואסער ריייניגונג פלענט וואס איז געבויט געווארן אין 1935. דער פראיעקט וועט מאדערניזירן סיסטעמען וואס זענען שוין אריבער די צייט ווען זיי זענען געווען נוצבאר, פארבעסערן וואסער קוואליטעט אין די געגנטער פון וואו די וואסער גיסט זיך אריין אין די גרעיט לעיקס און שטופן פאר ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט אין א שוואכערע קאמיוניטי.

**ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט פרעזידענט און CEO, מאורין א. קאָולמאן, האט געזאגט,** "אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער האקול, טוט ניו יארק סטעיט גיבן די מעגליכקייטן פאר קאמיוניטיס צו אינוועסטירן אין לעבנס-ראטעווענדע אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונגען און צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו ריינע, זיכערע וואסער. די EFC שטרעבט צו צושטעלן שעפערישע לייזונגען פאר קאמיוניטיס און צו זיכער מאכן אז קריטישע פראיעקטן זענען אפארדעבעל פאר לאקאלע יוטיליטי באניצער."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) צייטווייליגער קאמישאנער, שאן מאהאר, האט געזאגט,** "גאווערנאר האקול זעצט פאר צו מאכן אינוועסטירונגען פאר דורות ביים פארבעסערן ניו יארק סטעיט'ס וואסער אינפראסטרוקטור. די היינטיגע אנאנס איבער מער פון 300 מיליאן דאלאר ווערנדיג ארויסגעלייגט צו פארטיילט ווערן פאר וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן שטעלט צו קריטישע פינאנצירונג פאר לאקאלע רעגירונגען וואס מאכן מאדערניזירונגען צו אדרעסירן נייע ארויסשטייגנדע כעמיקאלן און אנדערע דראאונגען צו ריינע וואסער. ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו גיבן פריאריטעט פאר ריינע טרונקען וואסער, און די DEC'ס שותפות מיט די EFC אויף דאס און אויף אנדערע פינאנצירונג געלעגנהייטן וועט פאראויס שטופן עפעקטיווע אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונגען וואס וועלן ברענגען לאנג-בלייבנדע בענעפיטן פאר ניו יארקער."

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "דאס איז נאך אביישפיל פון גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו ריינע וואסערן און טרונקען וואסער פאר אלע ניו יארקער. עס דערפריידט אונז צו זעהן די פינאנציעלע הילף ווערנדיג צוגעשטעלט פאר לאקאלע רעגירונגען כדי זיי זאלן קענען אנהויבן קאנסטרוקציע אויף פראיעקטן וואס וועלן באשיצן די וואסער פאר זייערע איינוואוינער און באשיצן די פובליק געזונטהייט."

**סעקרעטערי אָוו סטעיט וואלטער ט. מאסלי האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט און אנגייענדע פינאנציעלע שטיצע, טוהען קאמיוניטיס בויען שטערקערע, מער שטאנדהאפטיגע וואסער אינפראסטרוקטור וואס וועט בענעפיטירן סיי יעצטיגע און סיי צוקונפטיגע דורות פון ניו יארקער. די באדייטנדע אינוועסטירונג וועט העלפן קאמיוניטיס אריבער די סטעיט פינאנצירן גאר-נויטיגע פראיעקטן וואס טוהען נישט נאר פארבעסערן וואסער קוואליטעט פאר זייערע איינוואוינער, נאר שטופן אויך פאר ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט, שטיצן עקאנאמישע אנטוויקלונג און באקעמפן קלימאט טויש אין היסטאריש שוואכערע קאמיוניטיס."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשאָק שומער האט געזאגט,** "פון קאַיוגע ביז סאָליוואן קאונטי, טוהען די געלטער פליסן פון אונזער אומפארטייאישער אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און דזשאבס געזעץ צו פארזיכערן זיכערע און ריינע טרונקען וואסער פאר פאמיליעס און קאמיוניטיס אריבער ניו יארק. די גרויסארטיגע פעדעראלע אינוועסטירונג וועט מאדערניזירן וואסער און סוער סיסטעמען אין יעדע ווינקל פון די עמפייער סטעיט און העלפן פארזיכערן ריינע טרונקען וואסער פאר אונזערע קאמיוניטיס. עס מיינט אויך דזשאבס, דזשאבס, דזשאבס, אונטערהייבנדיג אונזערע קאמיוניטיס און פארשטערקערנדיג די עקאנאמיע מיט פראיעקטן וואס דארפן שוין פון לאנג געטוהן ווערן צו מאכן ניו יארק'ס וואסערן געזונטער און ריינער. איך בין שטאלץ צו אהערשטעלן די קריטישע פעדעראלע פינאנצירונג מיט גאווערנער האקול צו איבערמישן א בלאט פאר ניו יארק'ס פארעלטערטע וואסער אינפראסטרוקטור און צו האלטן אונזערע וואסער סיסטעמען זיכער און ריין פאר אלע ניו יארקער."

**סטעיט סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "ריינע וואסער איז א וועזנטליכע רעכט וואס קומט זיך פאר אלע ניו יארקער. די 300 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג וועט פינאנצירן קריטישע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן צו פארבעסערן וואסער קוואליטעט און העלפן ברענגען ריינע,

זיכערע וואסער צו הויזגעזינדער אריבער ניו יארק סטעיט. איך בין שטאלץ צו האבן געקעמפט צו אריבערפירן דעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ וואס פינאנצירט פילע פון די פראיעקטן, און איך וועל פארזעצן צו קעמפן פאר די הילפס-מיטלען וואס זענען נויטיג צו פארבעסערן פובליק געזונטהייט און גיבן פאר ניו יארקער פארלעסליכע צוטריט צו זיכערע וואסער."

**EPA ראיאנישע אדמיניסטראטארין, ליסא פ. גארסיעף האט געזאגט**, "עס איז גאר גוט צו זעהן ניו יארק סטעיט אינוועסטירנדיג אין קריטישע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן אריבער די סטעיט, א דאנק פינאנצירונג פון דעם היסטארישן אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ און די EPA'ס סטעיט 'ריוואָלווינג' הלוואה קאסעס. די פראיעקטן שטעלן צו ריינע וואסער און שאפן דזשאבס פאר א גרינערע צוקונפט. די אינוועסטירונגען וועלן בענעפיטירן ניו יארקע קאמיוניטיס, אריינרעכענענדיג היסטאריש באזייטיגטע קאמיוניטיס, פאר פילע קומענדיגע דורות."

די באורד'ס באשטעטיגונגען רעכענען אריין פינאנצירונג פון די ריינע וואסער סטעיט הלוואה קאסע (Clean Water State Revolving Fund, CWSRF) און פון די טרונקען וואסער סטעיט הלוואה קאסע (Drinking Water State Revolving Fund, DWSRF), און אזוי אויך גרענטס וואס זענען שוין אנאנסירט געווארן אונטער דעם WIIA פראגראם. BIL געלטער פאר וואסער און סוער אינפראסטרוקטור ווערן פארטיילט דורך די EFC פון די סטעיט הלוואה קאסעס.

**ריינע וואסער פראיעקטן:**

- **סיטי אָוו אויבורן אין קאַיוגע קאונטי** — $25,000,000 גרענט, $41,491,103 אינטערעסט-פרייע הלוואה און $16,491,102 הלוואה מיט געהעריגע אינטערעסט פון BIL; און א $9,000,000 WIIA גרענט פאר די פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון פארבעסערונגען צו דעם פראצעדור פון זיך באגיין מיט די הארטע שמוץ וואס קומט ארויס פון גערייניגטע וואסער און מיט די סוער וואסער ביי די שטאט'ס סוער וואסער רייניגונג פלענט צו רעדוצירן אינצידענטן פון איסגעמישטע סוער און שטורעם וואסער אריינפליסנדיג אין די וואסערן פון די גרעיט לעיקס.
- **ווילעדזש אָוו בראודאלבין אין פולטאָן קאונטי** – $220,625 אינטערעסט-פרייע און $220,625 געהעריגע-אינטערעסט CWSRF הלוואות פאר די פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון סוער וואסער רייניגונג פלענט דיסאינפעקשען פון ארויסרינענדע וואסער צו פארבעסערן וואסער קוואליטעט אין די קעניעטאָ קריק.
- **ווילעדזש אָוו קעניסטעיאָ אין סטיובען קאונטי** – $3,302,250 אינטערעסט-פרייע און $1,000,000 געהעריגע-אינטערעסט CWSRF הלוואות; און א $1,097,750 WIIA גרענט פאר די פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון סוער וואסער רייניגונג פלענט פארבעסערונגען צו פארבעסערן וואסער קוואליטעט אין די קעניסטעיאָ ריווער.
- **ווילעדזש אָוו גאָווערנער אין סעינט לאורענס קאונטי** – $292,250 BIL גרענט פאר די פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון די צווייטע פאזע פון אפלויף סיסטעם פארבעסערונגען אויף Dorwin Street צו פארבעסערן וואסער קוואליטעט אין די אָסוועגאַטשי ריווער.
- **סיטי אָוו ליטל פאָלס אין הערקימער קאונטי** – $3,551,000 גרענט און $2,069,000 אינטערעסט-פרייע הלוואה פון BIL; $1,000,000 CWSRF הלוואה מיט געהעריגע אינטערעסט; און $1,890,000 WIIA גרענט פאר די פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון סוער וואסער רייניגונג פלענט מאדערניזירונגען צו באשיצן די וואסער קוואליטעט פון די מאָוהאק ריווער.
- **ווילעדזש אָוו פעינטעד פאוסט אין סטיובען קאונטי** – $1,436,877 אינטערעסט-פרייע און $455,206 געהעריגע-אינטערעסט CWSRF הלוואות; און א $207,917 WIIA גרענט פאר די

פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון פארבעסערונגען צו די ווילעדזש'ס סוער וואסער רייניגונג פלענט צו באשיצן די וואסער קוואליטעט אין די טשימאַנג ריווער.

- **ווילעדזש אָוו פארט לעידען אין לואיס קאונטי** - $356,500 גרענט און $201,380 אינטערעסט-פרייע הלוואה פון BIL; $176,870 אינטערעסט-פרייע הלוואה און $356,500 גרענט פון די CWSRF; און א $178,250 WIIA גרענט פאר די פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון אפלויף וואסער זאמלונג און רייניגונג סיסטעם פארבעסערונגען צו פארבעסערן די וואסער קוואליטעט פון די בלעק ריווער.
- **טאון אָוו טאמפסאן אין סאָליוואן קאונטי** – $13,012,000 גרענט און $14,358,967 אינטערעסט-פרייע הלוואה פון BIL; $1,000,000 CWSRF הלוואה מיט געהעריגע אינטערעסט; און א $6,383,930 WIIA גרענט פאר די פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון מאדערניזירונגען ביי די קיאמעשא לעיק סוער וואסער רייניגונג פלענט צו באשיצן די וואסער קוואליטעט אין קיאמעשא קריק, א וואסער שטרום וואו טראַוט פיש לעבן פון די וואסערן וואס גיסן זיך אריין אין די דעלעווער ריווער.
- **ווילעדזש אָוו ווערנאן אין אניידע קאונטי** – $10,420,000 אינטערעסט-פרייע CWSRF הלוואה און א $2,406,000 WIIA גרענט פאר די פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון סוער וואסער רייניגונג פלענט מאדערניזירונגען צו פארבעסערן וואסער קוואליטעט פון סקאנאנדאָוע קריק.
- **וועסטשעסטער קאונטי** – פינאנצירונג פאר פיר פראיעקטן:
    - $13,503,000 אינטערעסט-פרייע און $13,503,000 געהעריגע-אינטערעסט CWSRF הלוואות; און א $2,029,400 WIIA גרענט פאר די פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון ערזעצונגען צו די מאטאר און בלאזערס ביי די יאנקערס מיטגעטיילטע סוער וואסער רייניגונג פלענט צו באשיצן וואסער קוואליטעט אין די האדסאן ריווער.
        - $10,373,895 אינטערעסט-פרייע און $10,373,894 געהעריגע-אינטערעסט CWSRF הלוואות; און א $6,203,611 WIIA גרענט פאר די פערטע פאזע פון הייצונג, ווענטליאציע און עיר קאנדישען עקוויפמענט ערזעצונג און שמעק קאנטראלירונג פארבעסערונגען ביי די יאנקערס מיטגעטיילטע סוער וואסער רייניגונג פלענט צו באשיצן וואסער קוואליטעט אין די האדסאן ריווער.
            - $3,666,875 אינטערעסט-פרייע און $3,666,875 געהעריגע-אינטערעסט CWSRF הלוואות פאר פאררעכטונגען און מאדערניזירונגען צו די יאנקערס מיטגעטיילטע סוער וואסער רייניגונג פלענט צווייטיגע רייניגונג שטאפל צו באשיצן וואסער קוואליטעט אין די האדסאן ריווער.
                - $3,759,165 אינטערעסט-פרייע און $3,759,164 געהעריגע-אינטערעסט CWSRF הלוואות; און א $2,970,600 WIIA גרענט פאר די פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון סוער סיסטעם פאררעכטונגען אין די פיקסקיל, אָסינינג, יאנקערס געמיינזאמע, בליינד ברוק, מעמעראָנעק און ניו ראָושעל סוער דיסטריקטס צו באשיצן וואסער קוואליטעט אין די האדסאן ריווער און לאנג איילענד סאַונד.

**טרונקען וואסער פראיעקטן:**

- **סיטי אָוו בעטעיוויע אין דזשענעסי קאונטי** – $2,207,580 WIIA גרענט פאר פארבעסערונגען צו די שטאט'ס סוער וואסער רייניגונג פלענט צו פארבעסערן אפעראציע, אויפהאלטונג און וואסער קוואליטעט.

- **ווילעדזש אָוו בעט אין סטיובען קאונטי –** DWSRF $6,000,000 הלוואה מיט געהעריגע אינטערעסט און א WIIA $3,000,000 גרענט פאר די אינסטאלאציע פון אומגעפער 18,000 פיס פון נייע און ערזעצטע וואסער רערן און פארבינדענע געצייג לענגאויס סטעיט רוטס 54 און 415 וואס וועט ערמעגליכן די ווילעדזש צו צושטעלן א צופרידנשטעלנדע סופליי פון וואסער פאר איינוואוינער און פארבעסערן די שטאנדהאפטיגקייט און זיכערהייט פון די עקזיסטירנדע סיסטעם.
- **ווילעדזש אָוו גאַרדען סיטי אין נעסאו קאונטי –** WIIA $3,000,000 גרענט פאר די קאנסטרוקציע פון א נייע פארגעשריטענע אַקסידעישען פראצעדור (Advanced Oxidation Process) רייניגונג סיסטעם צו פילטרירן 1,4-dioxane ביי גרוב נומער 9 וואס וועט פארבעסערן וואסער קוואליטעט און סופליי.
- **סיטי אָוו גלאָווערסוויל אין פולטאָן קאונטי -** $750,334 אינטערעסט-פרייע און $1,500,666 געהעריגע-אינטערעסט DWSRF הלוואות; און א WIIA $3,000,000 גרענט פאר די קאנסטרוקציע פון א נייע בוסטער פאמפ סטאנציע ביי די South Eagle Street טאנק, אינסטאלאציע פון נייע אייסאלעישען וואַלווס און פרעשור רעליעף וואַלווס לענגאויס די וואסער רערן און ערזעצונג פון רייניגונג סיסטעמען ביי די וואסער רייניגונג איינריכטונג צו מאדערניזירן סיסטעמען און פארבעסערן וואסער קוואליטעט.
- **דזשעריקאָו וואסער דיסטריקט אין נעסאו קאונטי –** WIIA $6,862,200 גרענט צו אינסטאלירן א פארגעשריטענע אַקסידעישען פראצעדור רייניגונג סיסטעם צו פילטרירן 1,4-dioxane און א 'גרעניולער עקטיוועיטעד קארבאן' (Granular Activated Carbon) רייניגונג סיסטעם צו פילטרירן PFOA און פארבעסערן וואסער קוואליטעט.
- **טאון אָוו טאָסטען אין סאָליוען קאונטי -** DWSRF $4,500,000 הלוואה מיט געהעריגע אינטערעסט און א WIIA $3,000,000 גרענט פאר די ערזעצונג פון א 200,000-גאלאן וואסער סטארעדזש טאנק מיט א 250,000-גאלאן וואסער סטארעדזש טאנק, פארבעסערונגען צו גרוב איינריכטונגען נומער 1, 2 און 3, ערזעצונג פון וואסער רערן און פארבינדענע געצייג און אינסטאלאציע פון א בוסטער פאמפ סטאנציע און אויטאמאטישע פלאַשינג סטאנציעס צו אדרעסירן די טאון'ס פארעלטערטע וואסער סיסטעם און ערלויבן די טאון צו פארזעצן צו צושטעלן פאר אירע איינוואוינער פארלעסליכע טרונקען וואסער פון א הויכע קוואליטעט.
- **וואסער אויטאריטעט פון מערב נעסאו קאונטי –** WIIA $5,000,000 גרענט פאר די אינסטאלאציע פון א 'גרעניולער עקטיוועיטעד קארבאן' רייניגונג סיסטעם ביי סטאנציע נומער 15 צו פילטרירן PFAS און פארבעסערן וואסער קוואליטעט.

**<u>ריפייגענסען פארענדיגטע פראיעקטן וועט ערלייכן לאנג-טערמיניגע איינשפארונגען אין הלוואה סערוויס באצאלונגען</u>**

די באורד האט אונטערגענומען נאך שריט צו העלפן פארזיכערן אנגייענדע לאנג-טערמיניגע אפארדעביליטי פון עקזיסטירנדע פראיעקטן. די באורד האט באשטעטיגט לאנג-טערמיניגע, אינטערעסט-פרייע הלוואות אין א סך הכל פון 32 מיליאן דאלאר פאר פראיעקטן וואס ווערן דורכגעפירט אין די ווילעדזש אָוו קלייד, ווילעדזש אָוו ענדיקאט, ווילעדזש אָוו גאָווערנער, טאון אָוו דזשעספער, ווילעדזש אָוו מעלאָן, טאון אָוו ארליענס, ווילעדזש אָוו פילאדעלפיע, טאון אָוו ראָוזענדעיל און ווילעדזש אָוו סילווען ביטש.

קורץ-טערמיניגע הלוואות שטעלן צו די געלטער פאר די דעזיין און קאנסטרוקציע פון פראיעקטן. איינמאל פראיעקט קאנסטרוקציע איז פארטיג ווערט די קורץ-טערמיניגע הלוואה געווענטליך ריפייגענסט צו ווערן א לאנג-טערמיניגע הלוואה פאר ביז אזויפיל ווי 30 יאר, איינשפארנדיג לאקאלע רעגירונגען באדייטנדע אינטערעסט אויסגאבן וואס זיי וואלטן געהאט אויב זיי וואלטן אליין געדארפט ארויסנעמען די הלוואות. באזירט אויף די יעצטיגע מארקעט אומשטענדן זענען די לאנג-טערמיניגע הלוואות פאראויס

געזאגט צו איינשפארן פאר לאקאלע יוטיליטי באניצער א געשאצטע 41 מיליאן דאלאר אין אינטערעסט באצאלונגען אין לויף פון די תקופה וואס די הלוואות ווערט צוריקגעצאלט.

**ניו יארק'ס פארפליכטונג צו וואסער קוואליטעט**

ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו פארגרעסערן אירע לאנד'ס-פירנדע אינוועסטירונגען אין וואסער אינפראסטרוקטור, אריינרעכענענדיג 325 מיליאן דאלאר אין WIIA גרענט געלעגנהייטן וואס זענען ארויסגעלייגט געווארן אין יאנואר. נאך גרענט געלטער ווערט יעצט צוגעשטעלט דורך DEC'ס וואסער קוואליטעט פארבעסערונג פראיעקט פראגראם און EFC'ס נייע גרינע שטאנדהאפטיגקייט גרענט פראגראם. מיט 500 מיליאן דאלאר צוגעטיילט פאר ריינע וואסער אינפראסטרוקטור אין די דורכגעפירטע סטעיט בודזשעט פאר 2024-2025 אנאנסירט דורך גאווערנער האקול, וועט ניו יארק האבן אינוועסטירט א סך הכל פון 5.5 ביליאן דאלאר אין וואסער אינפראסטרוקטור צווישן 2017 און היי יאר. גאווערנער האקול'ס איניציאטיוו פון איר 'סטעיט אַוו די סטעיט' רעדע העלפן פארזיכערן אנגייענדע קאארדינאציע מיט לאקאלע רעגירונגען און מאכן זיכער אז קאמיוניטיס קענען איסנוצן די אינוועסטירונגען. די גאווערנער האט פארגרעסערט WIIA גרענטס פאר סוער וואסער פראיעקטן פון 25 צו 50 פראצענט פון די סך הכל בארעכטיגטע פראיעקט קאסטן פאר סוער וואסער פראיעקטן כדי קלענערע קאמיוניטיס. די גאווערנער האט אויך איוסגעברייטערט די EFC'ס 'קאמיוניטי הילף מאנשאפטן' (Community Assistance Teams) כדי צו העלפן קליינע, שטעטלישע און שוואכערע קאמיוניטיס צו איוסנוצן די פינאנצירונג און אדרעסירן זייערע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור באדערפענישן. סיי וועלכע קאמיוניטי וואס דארף הילף מיט זייער וואסער אינפראסטרוקטור באדערפענישן איז געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט די EFC אויף https://efc.ny.gov/CAT.

די פינאנצירונג, אין צוגאב צו אנדערע באדייטנדע אינוועסטירונגען אין וואסער קוואליטעט, רעכנט אריין דעם ווילער-באשטעטיגטן 4.2 ביליאן דאלארדיגן 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ' פון 2022 וואס שטופט פאראויס נאך היסטארישע סומעס פון פינאנצירונג צו מאדערניזירן אלטע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט; פארשטערקערן מעגליכקייטן פון קאמיוניטיס צו איוסשטיין שווערע שטורעמס און פארפלייצונגען; רעדוצירן לופט פארפעסטיגונג און נידערן קלימאט-טוישנדע עמיסיעס; איופרעכטן פלעצער וואו ווילדע באשעפענישן אין פלאנצונגען וואוינען; און היטן אויף דרויסנדיגע שטחים און לאקאלע פארמס. די ערשטע רונדע פון פינאנצירונג אונטער דעם ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ איז פארטיילט געווארן דורך די WIIA/IMG פראגראמען אין דעצעמבער, ווען גאווערנער האקול האט אנאנסירט 479 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר 156 פראיעקטן אריבער ניו יארק סטעיט, אריינרעכענענדיג 309 מיליאן דאלאר וואס איז צוגעשטעלט געווארן פאר שוואכערע קאמיוניטיס. שוואכערע קאמיוניטיס וועלן באקומען צום וויניגסטנס 35 פראצענט פון די בענעפיטן פון די באָנד געזעץ געלטער, מיט א ציהל פון 40 פראצענט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן